# פרשת ויחי

ז)

וַאֲנִי................. און איך יַעֲקֹב, כָאטשׁ איך בִּין דִיר מַטְרִיחַ מִיט מַיין קְבוּרָה, אָבֶּער מִיט דַיין מַאמֶע רָחֵל הָאבּ איך נִישְׁט אַזוֹי גֶעטאהן ;

**נָאר וָואס דֶען**

בְּבֹאִי ................. וֶוען איך בִּין גֶעקוּמֶען

מִפַּדָּן ................. פוּן פַּדָּן אֲרָם

מֵתָה עָלַי רָחֵל/ .... איז גֶעשְׁטָארבְּן אוֹיף מִיר דַיין מַאמֶע רָחֵל

בְּאֶרֶץ כְּנַעַן .......... אין לַאנד כְּנַעַן

בַּדֶּרֶךְ ................ אוֹיפְן וֶועג

וֶועסטוּ וֶועלְן מֵיינֶען אַז עֶס איז גֶעוֶוען אַ וַוייטֶע וֶועג- זָאג איך דיר נֵיין>

בְּעוֹד כִּבְרַת אֶרֶץ ... ווען עֶס איז נָאך גֶעוֶוען אַ אַקֶער לַאנד

נאך א פשט

**וֶועסטוּ וֶועלְן מֵיינֶען אַז ס'איז גֶעוֶוען אַ רֶעגְן צַייט, זָאג איך דיר נֵיין,**

בְּעוֹד כִּבְרַת אֶרֶץ ..... די לאנד איז געווען אזוי טרוקען ווי א זיפ

לָבֹא אֶפְרָתָה ....... צוּ קוּמֶען צוּ אֶפְרָת

וָאֶקְבְּרֶהָ שָּׁם ....... און איך הָאבּ איר דָארט בַּאגרָאבֶּען

בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת ........ אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אֶפְרָת

הִוא בֵּית לָחֶם :..... דָאס איז בֵּית לָחֶם :

און איך האב איר אפילו נישט אריין געפירט אין דער שטאט

וַוייס איך דָאך אַז דוּ הָאסט אִין הַארץ)ן אוֹיף מִיר- זָאג אִיך דִיר אַז דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער האט מיר אזוי געהייסען

ווייל וֶוען נְבוּזַרַאדְן הָרָשָׁע וֶועט פַארטְרֵייבְּן די יוּדְן אִין גָלוּת אַרֵיין, וֶועלֶען זֵיי אַדוּרך גֵיין קֶבֶר רָחֵל,

וֶועט מַאמֶע רָחֵל אַרוֹיס גֵיין, און וֶועט וֵויינֶען און שְׁרֵייעֶן און בֶּעטְן רַחֲמִים אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט

קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע.. .......... אַ קוֹל וֶוערט גֶעהֶערט אין הִימל,

רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ ........ רָחֵל וֵויינט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער ;

און דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער וֶועט איר עֶנטפֶערְן- וֵויין נִישְׁט רָחֵל-

יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ.. עֶס איז דָא שְׂכַר פַאר דֵיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים

וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם ..........

און די קִינדֶער וֶועלֶען זִיך צוּרִיק קֶערְן מִיט מָשִׁיחַ צדקינו בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ ;